בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן
# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ
אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

מוסדות היכל הקודש ברסלב

גליון
ע"ד

פרשת ראה
שנת תשפ"ד

## שִׁיעוּרִים אִין חִינוּךְ

פְּרָשַׁת בָּלָק שְׁנַת תשפ"ד

## אַ גוּטֶע קַבָּלָה

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ נַייֶע שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר מְחַנְּכִים, פַּרְשַׁת בָּלָק שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן, אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א.**

אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר, הָאט עֶר גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"אוֹי אוֹי אוֹי מְלַמְּדִים, אוֹי אוֹי אוֹי מְחַנְּכִים, וואוֹיל אִיז אוּנְזֶער חֵלֶק בָּזֶה וּבַבָּא"**.

### אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט

שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע מְלַמְּדִים.

אִיךְ רֶעד צוּ דִי מְלַמְּדִים וַוייל אִיךְ מוּז מְחַזֵּק זַיין דִי מְלַמְּדִים, אָבֶּער אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז אוֹיבּ עֶלְטֶערְן פוּן קִינְדֶער וֶועלְן עֶס אוֹיךְ אוֹיסְהֶערְן, אוּן זִיכֶער וֶועל אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דִי לֶערֶערִינְס אִין 'בֵּית פֵּיגָא' וֶועלְן עֶס אוֹיסְהֶערְן, וַוייל וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן חִינוּךְ מֵיינְט מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם, מְלַמְּדִים, טִיטְשֶׁערְס אוּן עֶלְטֶערְן.

אוֹי, וָואס אַ מְלַמֵּד גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג! קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה וָואס אַ מְלַמֵּד גֵייט אַרִיבֶּער אִין אֵיין טָאג מִיט דִי קִינְדֶער.

אַ מְלַמֵּד לֵייגְט אַרַיין שְׁוֶוערֶע כֹּחוֹת זִיךְ אָנְצוּגְרֵייטְן פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן וָואס בַּאקוּמְט עֶר צוּרִיק? מֶען אִיז אִים מְבַזֶּה; 'מְבַזֶּה' מֵיינְט נִישְׁט נָאר אוֹיבּ מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אִינְמִיטְן כִּתָּה, אוּן מֶען וַוארְפְט אִים זַאכְן אִין פָּנִים, 'מְבַזֶּה' מֵיינְט אוֹיךְ דֶער צוּגַאנְג וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט זִיךְ אוּם מִיט אִים. אַ מְלַמֵּד גֵייט אַרִיבֶּער בִּזְיוֹנוֹת פוּן דִי קִינְדֶער וָואס פָאלְגְן נִישְׁט אוּן מַאכְן פַּאקְסְן, נָאכְדֶעם גֵייט אַ מְלַמֵּד אַרִיבֶּער בִּזְיוֹנוֹת פוּן דִי עֶלְטֶערְן אוּן דִי הַנְהָלָה וָואס הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף אִים, בִּפְרַט אוֹיבּ עֶס הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט אַז עֶר הָאט זִיךְ טַאקֶע נִישְׁט גֶעכַאפְּט, עֶר הָאט גֶעטוּן אַ זַאךְ וָואס עֶר וָואלְט וֶוען נִישְׁט גֶעדַארְפְט טוּן, קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט אַז עֶר אִיז דָאךְ נִישְׁט קַיין מַלְאָךְ, עֶר הָאט דָאךְ גֶעאַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג אוּן גֶעמַאכְט אַ טָעוּת, שׁוֹין אִיז דֶער מְנַהֵל דָא, עֶר וִויל אִים שׁוֹין פַארְשִׁיקְן, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (בָּבָא בַּתְרָא כא:): **"מַקְרֵי יְנוּקָא ... כְּמוּתְרִין וְעוֹמְדִין נִינְהוּ"**, מֶען גֶעבְּט נִישְׁט נָאךְ אַ שַׁאנְס פַאר אַ מְלַמֵּד, אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט נִישְׁט גֶעטוּן וָואס עֶר דַארְף טוּן, קֶען מֶען אִים פַארְשִׁיקְן אָן קַיין וָוארְעֶנוּנְג פַארְדֶעם. קֵיינֶער טְרַאכְט אָבֶּער נִישְׁט אַז עֶר זִיצְט דָא שׁוֹין פוּן צוּפְרִי אוּן עֶר פְּלָאגְט זִיךְ מִיט דִי קִינְדֶער.

### אַן אַרְבֶּעט וָואס בְּלַייבְּט

טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, עֶס אִיז טַאקֶע שְׁוֶוער, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט, הָאט מֶען נִישְׁט קַיין הַשָּׂגָה דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זַיין אַ מְלַמֵּד.

אִיךְ וִויל עֶנְק זָאגְן אַ זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ עֶנְק שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעזָאגְט, אָבֶּער אִיךְ מוּז עֶס נָאכְאַמָאל זָאגְן; יֶעדֶער אֵיינֶער אַרְבֶּעט שְׁוֶוער! אִיךְ זִיץ דָא מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּאלֶעבַּאטִישֶׁע אִידְן וָואס מַאכְן אַ יָאר שֵׁיינֶע נוּמֶערְן, פוּן אַפָּאר מִילְיָאן דָאלֶער אַ יָאר, דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי טָאג טֶעגְלִיךְ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט אַזוֹי פָּשׁוּט, זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין גֶעלְט, וַוייל זֵיי דַארְפְן עֶס אִינְוֶועסְטִירְן אִין פְרִישֶׁע אִינְוֶועסְטְמֶענְטְס, זֵיי הָאבְּן אַן עוֹל פוּן בָּארְגְן גֶעלְט כְּדֵי צוּ קֶענֶען בַּאצָאלְן גֶעהַאלְט פַאר זֵייעֶרֶע אַרְבֶּעטֶערְס בְּשַׁעַת זֵייעֶר בַּאנְק אִיז לֵיידִיג, זֵיי שְׁפִּירְן וִוי זֵיי גֵייעֶן אַרָאפּ פוּן זִינֶען! אוּן וָואס בְּלַייבְּט פוּן זֵייעֶר מוּטְשֶׁע? גָארְנִישְׁט!

דָאס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע וֵוייטָאג, אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט אָפּ אַ גַאנְץ יָאר, אוּן וָואס בְּלַייבְּט דֶערְפוּן? עֶר קוּקְט צוּרִיק אוּן פְרֶעגְט זִיךְ אַלֵיינְס: 'וָואס הָאבּ אִיךְ דָא גֶעטוּן אַ גַאנְץ יָאר?!'

וִוידֶער דֶער מְלַמֵּד מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן סוֹף יָאר, עֶס אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען אַ יָאר, מֶען גֵייט שׁוֹין בַּאלְד צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִיךְ הָאבּ יֶעדְן טָאג גֶעדַאוֶונְט מִיט דִי קִינְדֶער, אִיךְ הָאבּ זֵיי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט הֲלָכוֹת, מִדּוֹת טוֹבוֹת אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, אִיךְ הָאבּ גֶעפְלַאנְצְט אֱמוּנָה, אִיךְ הָאבּ גֶעפְלַאנְצְט קְדוּשָּׁה, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער פוּן קְדוּשַּׁת הַבְּרִית, פוּן קְדוּשַּׁת הַיְסוֹד. אוּן אֲפִילוּ אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶע'פּוֹעֵל'ט בַּיי דִי גַאנְצֶע כִּתָּה, גֶעוִויסֶע קִינְדֶער וֶועלְן עֶס עֶרְשְׁט כַאפְּן קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, בַּיים קוּמֶענְדִיגְן מְלַמֵּד, וֶוען זֵיי גֵייעֶן שׁוֹין זַיין אַבִּיסְל גְרֶעסֶער, אָבֶּער אַז אֵיין אִינְגֶל הָאט עֶס אָנְגֶענוּמֶען, אֵיין אִינְגְל וֵוייסְט שׁוֹין אַז דָאס טָאר מֶען נִישְׁט טוּן, אִיז דָאס שׁוֹין אַ פַארְדִינְסְט!

עֶס אִיז טַאקֶע אַ שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער מִיר בֶּעטְן דָאךְ בַּיים דַאוֶונֶען (תְּפִילַּת וּבָא לְצִיּוֹן): **"לְמַעַן לֹא נִיגַע לָרִיק, וְלֹא נֵלֵד לַבֶּהָלָה"**, אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט אָפּ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, אוּן עֶר וֵוייסְט נִישְׁט: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ גֶעאַרְבֶּעט מַיין גַאנְץ לֶעבְּן? פַאר וֶועם? פַאר וִוי?' עֶס אִיז דָאךְ אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג, דָאס לֶעבְּן מַאכְט דָאס גֶענַאר פוּנֶעם מֶענְטְשׁ; אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעט אוּן אַרְבֶּעט אוּן אַרְבֶּעט אוּן אוֹיף דֶער עֶלְטֶער וֶוען עֶר קֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, דִי צִינְג פַאלְט אִים שׁוֹין אַרוֹיס, דֶערְזֶעט עֶר זִיךְ אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן אִין זַיין לֶעבְּן, וִוידֶער דֶער מְלַמֵּד וֵוייסְט 'אִיךְ הָאבּ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אִידִישְׁקֵייט!'

### דִי מְלַמְּדִים זֶענֶען פוּן דִי 'חֲשׁוּבֵי הַקְּהִלָּה'

צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד אוּן אַ טִיטְשֶׁער אִיז אַ בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, אָבֶּער טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, עֶטְץ זָאלְטְס וִויסְן אַז מֶען אִיז מַחְשִׁיב דַיין אַרְבֶּעט; בַּיי מִיר זֶענְט עֶטְץ פוּן

דִי 'חֲשׁוּבֵי הַקְּהִלָּה', אַ מְלַמֵּד אִיז בַּיי מִיר דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ, אוּן הַלְוַאי וְהַלְוַאי אִיךְ זָאל קֶענֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֶען זָאל הָאבְּן דֶּרֶךְ אֶרֶץ פַאר אַ מְלַמֵּד, מֶען זָאל זִיךְ אוֹיפְשְׁטֶעלְן פַאר אַ מְלַמֵּד, מֶען זָאל גֶעבְּן אַ בֶּענְקֶל פַאר אַ מְלַמֵּד, מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען אַ גְלֶעזְל וַואסֶער פַאר אַ מְלַמֵּד, מֶען זָאל גֶעבְּן אַ טִיפּ פַאר אַ מְלַמֵּד, אוּן מֶען זָאל זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר'ן מְלַמֵּד: **"שְׁכֹּחַ פַאר'ן זִיצְן מִיט מַיין זוּן, אוּן זִיךְ נָאכְמָאל אַיינְהַאלְטְן, אִים נִישְׁט גֶעבְּן אַזַא שְׁטִילֶע צִיפּ וָואס קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט וִויסְן דֶערְפוּן"**, **"שְׁכֹּחַ אַז דוּ הָאסְט הַיינְט נִישְׁט אָוֶועקְגֶעמַאכְט מַיין זוּן"**, **"שְׁכֹּחַ אַז דוּ הָאסְט אִים נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט שֵׁיינֶערְהֵייט: 'טַייטְל', דוּ וָואלְסְט שׁוֹין הַיינְט גֶעהַאט דִי רֶעכְט אִים צוּ גֶעבְּן אַ פְּרַאסְק, פוּן אַזוֹיפִיל מָאל אִיבֶּערְזָאגְן עֶר זָאל טַייטְלֶען, אָבֶּער דוּ הָאסְט אִים נָאכְאַמָאל גֶעזָאגְט שֵׁיינֶערְהֵייט"**.

עֶס אִיז דָאךְ אַזַא זְכוּת צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד; אַ מְלַמֵּד בּוֹיט אוֹיף דוֹרוֹת.

### דִי מְנַהֲלִים שִׁיקְן מִיר יֶעדְן טָאג אַ בַּארִיכְט פוּן דִי מוֹסָד

שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ הָאבּ גֶעטְרֵייעֶ מְנַהֲלִים, קְלוּגֶע מְנַהֲלִים; אִיךְ בַּאקוּם יֶעדְן אֵיינְצִיגְן טָאג אַ בַּארִיכְט פוּן דִי מְנַהֲלִים אוּן דִי מְנַהֶלֶת וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין אַלֶע סְנִיפֵי הַמּוֹסָד. דֶער מְנַהֵל פוּן שְׁטֶעטְל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דֶעם גֶעדַאנְק, עֶר שִׁיקְט מִיר יֶעדְן טָאג אַרַיין אַ רֶעקָארְדִירְטֶער מֶעסֶעדְזְשׁ, פוּן בְּעֶרֶךְ אַכְט מִינוּט, אַ בַּארִיכְט וָואס עֶס גֵייט פָאר אִין חֵדֶר.

אוֹיךְ דֶער מְנַהֵל פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל שִׁיקְט מִיר יֶעדְן טָאג אַ מֶעסֶעדְזְשׁ פוּן פִינְף זֶעקְס מִינוּט, מִיט אַ בַּארִיכְט פוּן דִי מוֹסָד אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, עֶר הֵייבְּט אָן: **"אַ גוּטְן טָאג רֹאשׁ יְשִׁיבָה, דָא רֶעדְט יִצְחָק פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיךְ וִויל אִיבֶּערְגֶעבְּן אַ בַּארִיכְט פוּן דִי מוֹסָד אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל; דֶער מְלַמֵּד אַרְבֶּעט זֵייעֶר פֵיין, דֶער מְלַמֵּד אִיז אוֹיסְנַאם סְפֶּעצִיעֶל, דֶער מְלַמֵּד קוּמְט אַבִּיסְל שְׁפֶּעט; דִי טִיטְשֶׁער הָאט זִיךְ לֶעצְטְנְס עֶפֶּעס פַארְטְשֶׁעפֶּעט מִיט אַ קִינְד אוּן קְלַאפְּט אַרָאפּ דָאס קִינְד, דִי טִיטְשֶׁער אִיז אַ מְחַיֶה"**, אוּן אַסַאךְ מָאל זָאגְט עֶר מִיר: **"אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן, אִיךְ וִויל פָּשׁוּט זָאגְן אַז דִי מוֹסָד פָּארְט זֵייעֶר שֵׁיין"**.

נָאכְדֶעם בַּאקוּם אִיךְ אוֹיךְ יֶעדְן טָאג אַ גֶעשְׁרִיבֶּענֶע בַּארִיכְט פוּן דִי מְנַהֶלֶת פוּן בֵּית פֵיגָא אִין שְׁטֶעטְל, זִי שְׁרַייבְּט מִיר, מִיט וֶועלְכֶע קִינְד מֶען אַרְבֶּעט שְׁוֶוער, אוּן מִיט וֶועלְכֶע עֶלְטֶערְן מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ יֶעצְט.

### נִישְׁט חוֹזֶק צוּ מַאכְן פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס נֶעמֶען פוּן בַּאזַאר

לֶעצְטְנְס הָאט מִיר דִי מְנַהֶלֶת גֶעשְׁרִיבְּן וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין דִי פִיפְטֶע קְלַאס, אַז דָארְט אִיז דָא אַ וִוינְט קֶעגְן דִי 'בַּאזַאר' [דִי בַּאזַאר פַארְקוֹיפְט פַאר אֵיינְצֶעלְנֶע דָאלֶער שֵׁיינֶע גוּטֶע קְלֵיידֶער, סֵיי פַאר אִינְגְלֶעךְ אוּן סֵיי פַאר מֵיידְלֶעךְ], עֶס אִיז דָא אַפָּאר קִינְדֶער וָואס מַאכְן חוֹזֶק פוּן נֶעמֶען קְלֵיידֶער פוּן בַּאזַאר.

הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁרִיבְּן פַאר דִי מְנַהֶלֶת אַז אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִיבֶּער גֶעטְרַאכְט, אוּן אִיךְ וִויל אַז דִי זֶעקְסְטֶע קְלַאס זָאלְן נָאךְ בְּלַייבְּן מִיט דִי 'יוּנִיפָארְם' פַאר קוּמֶענְדִיגֶע יָאר, אֲפִילוּ גֶעוֶוענְלִיךְ גֵייט מֶען שׁוֹין נִישְׁט מִיט יוּנִיפָארְם אִין דִי זֶעקְסְטֶע קְלַאס, מֶען גֵייט שׁוֹין מִיט גֶעהֶערִיגֶע קְלֵיידֶער, אָבֶּער וָואס קֶען אִיךְ טוּן אַז דִי קִינְדֶער מַאכְן חוֹזֶק פוּן דִי בַּאזַאר, אוּן אַז מֶען וֶועט נִישְׁט גֵיין מִיט קַיין יוּנִיפָארְם, וֶועט וֶוערְן אַ רֵייץ צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶער צוּ גֵיין מִיט טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, אוּן דָאס וִויל אִיךְ נִישְׁט.

דָאס וָואס קִינְדֶער מַאכְן חוֹזֶק פוּן דִי בַּאזַאר קוּמְט פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, וַוייל 'שׁוּתָא דִּינוּקָא בְּשׁוּקָא אוֹ דַאֲבוּהַּ אוֹ דְאִימֵּיהּ (סוּכָּה נו:)', וָואס אַ קִינְד רֶעדְט, אִיז עֶס אָדֶער פוּן דֶער טַאטֶע אָדֶער פוּן דִי מַאמֶע. דָאס אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט פוּן דִי עֶלְטֶערְן, דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַ רֶעכְט צוּ קוֹיפְן קְלֵיידֶער אִין גֶעשֶׁעפְטְן, אָבֶּער פַארְוָואס דַארְפְסְטוּ אַרָאפְּקְלַאפְּן דִי אַנְדֶערֶע מִשְׁפָּחוֹת?! אִיךְ בֶּעט פוּן אַלֶע עֶלְטֶערְן, טוּט מִיךְ אַ טוֹבָה, אִיךְ וֵייס אַז דוּ הָאסְט גֶעלְט, אוּן אִיךְ קֶען בַּאשְׁטֵיין דוּ זָאלְסְט קוֹיפְן שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער פַאר דַיינֶע קִינְדֶער, אָבֶּער גֶעבּ אַכְטוּנְג נִישְׁט חוֹזֶק צוּ מַאכְן פוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס נֶעמֶען יָא פוּן דִי בַּאזַאר. אִיךְ הָאבּ לֶעצְטְנְס גֶעבֶּעטְן פוּן אַ אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט גֶעלְט: **"טוּ מִיךְ אַ טוֹבָה, גֵיי אֵיינְמָאל אַ וָואךְ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער קוֹיפְן אִין בַּאזַאר, וַוייל דַיין קִינְד שְׁטֶעכְט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אִין סְקוּל אַז זֵיי נֶעמֶען פוּן דִי בַּאזַאר"**.

וֶוען אַ קִינְד קוּמְט אִין סְקוּל מִיט אַ קְלֵייד פוּן בַּאזַאר, אוּן קִינְדֶער רוּפְן זִיךְ אָן מִיט גֶעשְׁפֶּעט: **"נֶע, דָאס קוּמְט פוּן דִי בַּאזַאר..."** אִיז דָאס גִיפְט!

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז לְגַבֵּי וָואס מִיר רֶעדְן זֵייעֶר אַסַאךְ וֶועגְן מַאכְן פָּשׁוּטְ'עֶ שִׂמְחוֹת; אוֹיבּ אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מַאכְט יָא חֲתוּנָה אִין אַ זַאל, מוּז אִיךְ עֶס אַרָאפְּרַייסְן אוּן חוֹזֶק מַאכְן דֶערְפוּן; אִין עֶנְגְלִישׁ אִיז דָא אַ וָוארְט: 'לִיווּ אִיט אַר טֶעיק אִיט', עֶס מֵיינְט צוּ זָאגְן, אָדֶער נֶעמְסְטוּ עֶס אָן, דוּ פִּירְסְט אַ פָּשׁוּטְ'עֶ לֶעבְּן, אָדֶער קֶענְסְטוּ שׁוֹין אָפְּלָאזְן דִי קְהִלָּה, וַוייל אִיךְ וֶועל וַוייטֶער מוּזְן חוֹזֶק מַאכְן פוּן זִיךְ אוֹיפְרַייסְן בַּיי שִׂמְחוֹת, כְּדֵי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן נִישְׁט דַארְפְן לַיידְן וֶועגְן דִיר, יֶעדֶער זָאל דִיר יֶעצְט דַארְפְן נָאכְמַאכְן.

### אַ גוּטֶע עֵצָה צוּ הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע טָאג אִין חֵדֶר

דֶער שְׁמוּעֶס פוּנֶעם בַּאזַאר אוּן פָּשׁוּטְ'עֶ שִׂמְחוֹת וֶועל אִיךְ אִיבֶּערְלָאזְן צוּ רֶעדְן בַּיי אַ שִׁיעוּר וָואס אִיךְ וֶועל גֶעבְּן פַאר עֶלְטֶערְן, יֶעצְט לָאמִיר צוּרִיקְגֵיין וָואס אִיז נוֹגֵעַ פַאר דִי מְלַמְּדִים. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אוּנְזֶער חָשׁוּבְ'עֶר מְנַהֵל אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אַ גוּטֶע עֵצָה וִוי אַזוֹי מֶען קֶען הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאקֶע טָאג אִין חֵדֶר. אֵיין טָאג הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט אִינֶעם טֶעגְלִיכְן רֶעקָארְדִירוּנְג אַזַא מֶעסֶעדְזְשׁ: **"אַ גוּטְן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אֵיינֶער פוּן דִי מְלַמְּדִים, זֵייעֶר אַ חָשׁוּבְ'עֶר גֶעלוּנְגֶענֶער מְלַמֵּד אִיז הַיינְט גֶעקוּמֶען צוּ מִיר נָאךְ חֵדֶר אוּן מִיר גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט מֶער נִישְׁט דִי כֹּחוֹת פַאר דִי קִינְדֶער, עֶס אִיז הַיינְט גֶעוֶוען גָאר אַ שְׁוֶוערֶע טָאג אִין חֵדֶר, הָאבּ אִיךְ אִים גֶעפְרֶעגְט: 'אִיךְ מֶעג דִיךְ פְרֶעגְן אַ פְּרִיוַואטֶע קַשְׁיָא? וֶוען בִּיסְטוּ נֶעכְטְן נַאכְט גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן?' זָאגְט עֶר מִיר: 'דְרֵיי אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס', הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט: 'אַז דוּ וֶועסְט זִיךְ לֵייגְן שְׁלָאפְן אַבִּיסְל פְרִיעֶר וֶועט דִיר זַיין גְרִינְגֶער דִי אַרְבֶּעט'"**.

דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע עֵצָה, אוּן אִיךְ בֶּעט עֶס פוּן עֶנְק טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים, גֵייטְס שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ!

### אוֹיבּ אִיז דֶער מְלַמֵּד אוֹיסְגֶערוּט שְׁטֶערְט עֶס נִישְׁט

אַז דוּ גֵייסְט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט, דוּ שְׁלָאפְסְט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע צָאל שָׁעוֹת, וֵייס אִיךְ נִישְׁט צִי עַל פִּי תּוֹרָה מֶעגְסְטוּ זַיין אַ מְלַמֵּד (עַיֵּין שֻׁלְחָן עָרוּךְ יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמה, סְעִיף טז), וַוייל דוּ גֵייסְט וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן יֶעדֶע קְלֵיינֶע רִיר פוּן אַ קִינְד. עֶס מֵיינְט נִישְׁט אַז אוֹיבּ מֶען גֵייט שְׁלָאפְן פְרִי, אַרְבֶּעט מֶען נִישְׁט שְׁוֶוער; אַוַודַאי אַרְבֶּעטְן מְלַמְּדִים שְׁוֶוער, אָבֶּער עֶס וֶוערְט פִיל שְׁוֶוערֶער אוֹיבּ מֶען גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ; קוּם נִישְׁט וֵויינֶען וִוי שְׁוֶוער דוּ אַרְבֶּעטְסְט, וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעגַאנְגֶען שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט.

עֶס קֶען אַמָאל זַיין אַ קִינְד קְרַאצְט אַ טִישׁ אִינְמִיטְן פָארְלֶערְנֶען חוּמָשׁ, אוֹיבּ אִיז דֶער מְלַמֵּד אוֹיסְגֶערוּט שְׁטֶערְט אִים עֶס בִּכְלָל נִישְׁט, אָבֶּער אוֹיבּ אִיז עֶר מִיד, קֶען עֶר אִים גֶעבְּן אַ פַּאטְשׁ אָדֶער אַ פְּסַק, אָדֶער אָנְשְׁרֵייעֶן אוּן אַרָאפְּקְלַאפְּן דֶעם קִינְד.

## אַ גוּטֶע קַבָּלָה, גֵיין שְׁלָאפְן גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב

נָאךְ דִי חֲתוּנָה פְלֶעג אִיךְ גֵיין שְׁלָאפְן גְלַייךְ נָאךְ מַעֲרִיב אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין דְרֵיי אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס, דִי לֶעצְטֶערֶע יָארְן בִּין אִיךְ גֶעוָוארְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין עַסְקָנוּת פוּן בּוֹיעֶן דִי מוֹסָד, אִיז מַיין סֵדֶר גֶעוָוארְן פַארְדְרֵייט, וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אִין דִי נַאכְט שָׁעוֹת, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר, אִיךְ ווִיל הָאבְּן אַן אַנְדֶערֶע סֵדֶר הַיּוֹם ווִי דֶער סֵדֶר הַיּוֹם וָואס אִיךְ הָאבּ דִי לֶעצְטֶע צֶען יָאר"**, בִּיז עֶס אִיז מִיר אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען דֶעם גֶעדַאנְק, אַז נָאךְ מַעֲרִיב רֶעד אִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, נָאר מִיט מַיין וַוייבּ, וַוייל אִשְׁתּוֹ כְּגוּפוֹ (יְבָמוֹת סב:), אָבֶּער חוּץ פוּן דֶעם רֶעד אִיךְ נִישְׁט מִיט קֵיינֶעם, וֶוער עֶס ווִיל רֶעדְן צוּ מִיר, קֶען קוּמֶען צוּפְרִי, צוּפְרִי נֶעם אִיךְ אוֹיף מֶענְטְשְׁן, אִיךְ קוּק אֲפִילוּ נִישְׁט מַיין טֶעלֶעפָאוֹן בַּיינַאכְט, וֶוען אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי זֶע אִיךְ אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן מִיר גֶעטֶעקְסְט בִּיז דְרֵיי אַזֵייגֶער פַארְטָאגְס; אִיךְ זֶע אַז מֶענְטְשְׁן זֶענֶען אוֹיף בִּיז דִי גָאר שְׁפֶּעטֶע נַאכְט שָׁעוֹת, פַארְוָואס? עֶס הָאט נִישְׁט קַיין סִיבָּה, מֶענְטְשְׁן זֶענֶען פָּשׁוּט פַארְנַאכְלֶעסִיג.

אִיךְ בֶּעט עֶנְק טֵייעֶרֶע מְלַמְדִים, מַאכְטְס עֶנְק אַ קַבָּלָה, מֶען רֶעדְט נִישְׁט נָאךְ מַעֲרִיב.

אִיךְ פַארְלַאנְג עֶס פוּן אַלֶע מְלַמְדִים בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסָד, אוּן אִיךְ גֵיי עֶס נָאכְגֵיין; בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי קְהִילָה אִיז גְרוֹיס, אִיךְ הָאבּ חָשׁוּבְ'עֶ אִינְגֶעלַייט וָואס אִיךְ קֶען אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין דִי מוֹסָד בִּמְקוֹמֵיכֶם, אַנְשְׁטָאט עֶנְק, אִיךְ מֵיין נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם קֵיינֶעם אַוֶועק צוּ שְׁטוּפְּן, אָבֶּער אִיךְ ווִיל הָאבְּן רִיכְטִיגֶע מְלַמְדִים.

נָאךְ מַעֲרִיב אִיז נִישְׁטָא מִיט קֵיינֶעם וָואס צוּ רֶעדְן, נָאךְ מַעֲרִיב גֵייט מֶען אַהֵיים, מִיט דִי וַוייבּ קֶענְסְטוּ רֶעדְן, אוּן ווִי לַאנְג רֶעדְט מֶען שׁוֹין מִיט דִי וַוייבּ? אַ הַאלְבֶּע שָׁעָה, אַ שָׁעָה, נָאכְדֶעם לֵייג זִיךְ שְׁלָאפְן, צֶען עֶלְף אַזֵייגֶער, דָאס זֶענֶען דִי גֶעזוּנְטֶע שָׁעוֹת פוּן גֵיין שְׁלָאפְן.

### אַנְשְׁטָאט שְׁרֵייעֶן דֶערְצֵייל זֵיי שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת

אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן פְרִי, קֶען מֶען שׁוֹין אוֹיפְשְׁטֵיין זֶעקְס אַזֵייגֶער, אוּן הָאבְּן צַייט זִיךְ פָארְצוּקוּקְן דִי סֶדְרָה אוּן עִנְיָנֵי דְיוֹמָא.

יֶעצְט שְׁטֵייט מֶען פַאר 'שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז', אוֹיבּ מֶען קוּקְט זִיךְ נִישְׁט פָאר, וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וֶועלְכֶע בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, אוּן וואוּ אִיז בִּכְלַל גֶעוֶועןאַ חוֹמָה אִין יְרוּשָׁלַיִם, נָאכְדֶעם קוּמְט מֶען אִין חֵדֶר אוּן מֶען הֵייבְּט שְׁמַייסְן אוּן שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער: **"זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ! זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ! זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ!"** אַנְשְׁטָאט שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער קֶענְסְטוּ דָאךְ אָנְהֵייבְּן צוּ דֶערְצֵיילְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיוֹת אַז אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס זִיךְ שֵׁיין אַרָאפְּזֶעצְן.

אָבֶּער אַז מֶען גֵייט שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט, הָאט מֶען נִישְׁט קַיין צַייט זִיךְ פָארְצוּקוּקְן, מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ זָאגְן אוּן וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן.

דָאס נֶעם אִיךְ זִיךְ אוֹיס מִיט דִי מְלַמְדִים פוּן אוּנְזֶער מוֹסָד, אַלֶע מְלַמְדִים מוּזְן גֵיין שְׁלָאפְן צַייטְלִיךְ.

עֶטְץ זָאלְטְס ווִיסְן אַז עֶנְקֶער זְכוּת אִיז מוֹרָא'דִיג הוֹיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

# בְּרֵיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## מֶעג מֶען זָאגְן מִיט דִי קִינְדֶער לְעִלּוּי נִשְׁמַת נִפְטָרִים וֶועמֶען מֶען קֶען נִישְׁט?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד אוּן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל שִׁיקְן דִי אַנְדֶערֶע מְלַמְדִים אַרַיין צֶעטְלֶעךְ מִיט אַ נָאמֶען צוּ זָאגְן פַארְ'ן לֶערְנֶען לְעִלּוּי נִשְׁמַת. אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט אוֹיבּ מֶען קֶען זָאגְן לְעִלּוּי נִשְׁמַת אַ נָאמֶען וָואס אִיךְ קֶען בִּכְלַל נִישְׁט, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וֶוער דָאס אִיז?

אֶפְשָׁר קֶען מֶען עֶנְדֶערְשׁ זָאגְן סְתַם בִּכְלָלִיּוּת לְעִלּוּי נִשְׁמַת אַלֶע נְשָׁמוֹת וָואס דַארְפְן אַ תִּיקוּן?

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעמַאכְט אַ קְלֵיינֶע נוּסַח צוּ זָאגְן פַארְ'ן לֶערְנֶען; הֲרֵינוּ לוֹמֵד הַיּוֹם לְעִלּוּי נִשְׁמַת כָּל הַנְּשָׁמוֹת שֶׁאֵין לָהֶם תִּיקוּן הַשָּׁלֵם וְכָל הַנְשָׁמוֹת עַרְטִילָאִין וְכָל הַנִּיצוֹצוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת שֶׁנָּפְלוּ לְתוֹךְ הַקְּלִפּוֹת. אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ עֶס אָבֶּער דֶערְצֵיילְט פַאר מַיין חַבֵר, אוּן עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶס קֶען זַיין אַז מֶען טָאר עֶס נִישְׁט טוּן וַוייל עֶס קֶען זַיין אַ סַכָּנָה. ווִיל אִיךְ פְרֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוֹיבּ מֶען מֶעג אַזוֹי זָאגְן? אוּן אוֹיבּ מֶען מֶעג עֶס זָאגְן מִיט דִי קִינְדֶער?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת תְּצַוֶּה, ו' אֲדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ גֶעדֶענְק מִיט יָארְן צוּרִיק וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד פְלֶעגְן מְלַמְדִים זִיךְ אָפְּרֶעדְן אַז דִי צֶעטְלֶעךְ וָואס מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, מֶען זָאל בֶּעטְן פַאר דִי נָאמֶען, מֶען זָאל אִינְזִין הָאבְּן דֶעם חוֹלֶה - דָאס שְׁטֶערְט וְכוּ'.

אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג פַאר דִי חִינוּךְ פוּן דִי קִינְדֶער; וֶוען דֶער מְנַהֵל שִׁיקְט אַרַיין אַ נָאמֶען, אַ חוֹלֶה אָדֶער אֵיינֶער וָואס דַארְף אַ יְשׁוּעָה, אָדֶער אַ יָארְצַייט; וָואס פַּאסִירְט? דִי קִינְדֶער וֶוערְן נִתְחַנֵךְ וָואס צוּ טוּן בְּעֵת צָרָה, וֶוען מֶען הָאט אַ צָרָה זָאל מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בֶּעטְן אַז אַנְדֶערֶע זָאלְן בֶּעטְן פַאר מִיר.

וֶוען מֶען הַאלְט אִינְמִיטְן לֶערְנֶען אוּן עֶס קוּמְט אַרַיין אַ צֶעטְל אַז מֶען זָאל בֶּעטְן פַאר אֵיינֶעם וָואס עֶס וַוארְט אִים אַ שְׁוֶערֶע מִשְׁפָּט, דֶער מְלַמֵּד וֶוערְט עֶרְנְסְט, עֶר פַארְמַאכְט דִי אוֹיגְן, עֶר זָאגְט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף", אַלֶע קִינְדֶער זָאגְן אִים נָאךְ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז פְּלוֹנִי אַלְמוֹנִי זָאל אַרוֹיסְגֵיין זַכַּאי בַּדִּין" וְכוּ'; אוֹיסֶער דִי גְרוֹיסֶע נֵס וָואס גֵייט יֶעצְט פַּאסִירְן מִיט יֶענֶעם, דִי תְּפִילּוֹת גֵייעֶן זִיכֶער יֶענֶעם הֶעלְפְן - גֶעשֶׁעט יֶעצְט נָאךְ אַ זַאךְ, דִי קִינְדֶער וֶוערְן גֶעלֶערְנְט וָואס צוּ טוּן בְּעֵת צָרָה.

דֶער אוּמְדִירֶעקְטֶער לִימּוּד אִיז נָאךְ שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי לִימּוּד וָואס מֶען לֶערְנְט; עֶס זֶענֶען אַלְץ דָא קִינְדֶער וָואס זֵיי הֶערְן נִישְׁט אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים פוּן מוּסָר וְכַדוֹמֶה, אָבֶּער דִי אוּמְדִירֶעקְטֶע לִימּוּדִים גֵייעֶן אַרַיין אִין זֵיי, בִּיז זֵיי וֶוערְן עֶרְלִיכֶע אִידְן.

מְלַמְדִים דַארְפְן ווִיסְן אַרַיינְצוּלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אוּמְדִירֶעקְט אֱמוּנָה, אֱמוּנַת חֲכָמִים אוּן תְּפִלָּה. בַּיי יֶעדֶע שְׁמוּעֶס, בַּיי יֶעדֶע נַייעֶס,

המשך
# בְּרֵיוון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

קִינְדֶער רֶעדְן, קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן - וַוארְפְט מֶען אַרַיין בְּרֶעקְלֶעךְ אֱמוּנָה; צְוִוישְׁן דִי קִינְדֶערִישֶׁע שְׁמוּעֶסְן, דִי קִינְדֶערִישֶׁע נַארִישְׁקֵייטְן - וַוארְפְט מֶען אַרַיין "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אוֹיס תְּפִילוֹת יִשְׂרָאֵל".

ווארויל איז דִי מְלַמְּדִים וָואס זֵייעֶר צִיל איז אַרַיינְצוּאוָארְצְלֶען אֱמוּנָה אִין אִידִישֶׁע נְשָׁמוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת כי תשא תשפ"ב)

## דַארְף מֶען רֶעדְן צוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועגְן חֲתוּנָה מַאכְן בִּילִיג?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הֶער כְּסֵדֶר פוּנֶעם ראֹש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אִיבֶּער דִי נַארִישֶׁע טֵייעֶרֶע חֲתוּנוֹת וָואס מֶענְטְשְׁען בָּארְגְן זִיךְ אָן מִיט חוֹבוֹת, אוּן אִיבֶּער דִי נַארִישְׁקֵייט דֶערְפוּן.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן, הֱיוֹת אִיךְ בִּין אַ מְלַמֵּד, צִי אִיז דָא אַ וֶועג אוּן צִי אִיז דָאס ווִיכְטִיג פַאר אַ מְלַמֵּד אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים וֶוען זֵיי זֶענֶען נָאךְ יוּנְג אַז מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט אַ חֶשְׁבּוֹן, אוּן דָאס גְלַייכְן. וָואס לִכְאוֹרָה וֶועט זֵיי דָאס זַיין אַסַאךְ גְרִינְגֶער וֶוען זֵיי וֶועלְן אוֹיפְוַואקְסְן. אוֹיבּ יָא בִּיטֶע שְׁרַייבְּט אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ט כִּסְלֵיו, ה' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער עִיקָר זָאלְסְטוּ אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. דֶערְצֵייל זֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ וֶועלְן זַיין צַדִיקִים; קִינְדֶער הָאבְּן זֵייעֶר לִיבּ צוּ הֶערְן מַעֲשִׂיוֹת, עֶס פְלַאקֶערְט אוֹיף זֵייעֶר הַארְץ לַעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רמח): "דַע, שֶׁסִּפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִצַּדִּיקִים, הוּא דָּבָר גָּדוֹל מְאֹד", זָאלְסְט וִויסְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַז פַארְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, "כִּי עַל יְדֵי סִפּוּרִים מִצַּדִּיקִים נִתְעוֹרֵר וְנִתְלַהֵב הַלֵּב בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בְּחֵשֶׁק נִמְרָץ מְאֹד", וֶוען מֶען הֶערְט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים וֶוערְט מֶען אוֹיפְגֶעפְלַאמְט, מֶען בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע חֵשֶׁק צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל מֶען הֶערְט צוּ וָואס דִי צַדִיקִים הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶועןְ, מֶען פַארְשְׁטֵייט אַז זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן דָאס בֵּייגֶעקוּמֶען - וִויל מֶען אוֹיךְ וֶוערְן אַ צַדִיק; בִּפְרַט וֶוען קִינְדֶער הֶערְן זִיךְ אַיין מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים, וֶוערְן זֵיי זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר דוּרְךְ דֶעם.

צוּ יוּנְגֶע קִינְדֶער אִיז נִישְׁט שַׁיָיךְ צוּ רֶעדְן פוּן דִי זַאכְן, אַז מֶען אִיז אַ מְלַמֵּד פַאר עֶלְטֶערֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען אַסַאךְ רֶעדְן צוּ זֵיי וָואס אִיז דֶער תַּכְלִית פוּן לֶעבְּן, וָואס הָאט מֶען פוּן אַ טֵייעֶרֶע בַּר מִצְוָה? אַלֶעס אִיז נַארִישׁ, דָאס קוּמְט פוּן דִי עֲשִׁירִים וָואס הָאבְּן וֵוייניג שֵׂכֶל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן סד): "כָּל הַנְּגִידִים הַגְּדוֹלִים, כִּמְעַט כֻּלָּם, הֵם מְשֻׁגָּעִים מַמָּשׁ", דִי גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֶענֶען אַלֶע אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע; זֵיי מַאכְן זִיךְ נַארִישׁ פַאר אַבִּיסְל כָּבוֹד, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רב): "כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר", פַאר דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן וֵוייניג שֵׂכֶל דַארְף מֶען גֶעבְּן מֶער כָּבוֹד, "כִּי כָּל מַה שֶּׁשִּׂכְלוֹ יוֹתֵר קָטָן, הוּא יוֹתֵר חָפֵץ בְּכָבוֹד", וַוייל וִוי וֵוייניגֶער שֵׂכֶל מֶען הָאט, ווִיל מֶען מֶער כָּבוֹד; דֶערִיבֶּער מַאכְן זֵיי זִיךְ נַארִישׁ מִיט טֵייעֶרֶע שִׂמְחוֹת. מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם.

דֶער עִיקָר דַארְף מֶען אַרַיין לֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער אַ לִיבְשַׁאפְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, אַכְטוּנְג גֶעבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֵויי טוּן אַ קִינְד אוּן זִיכֶער נִישְׁט קֵיינְמָאל פַארְשֶׁעמֶען. עֶס לִיגְט אַ חִיוּב אוֹיפְ'ן מְלַמֵּד צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער אָבֶער עֶר הָאט נִישְׁט קַיין רְשׁוּת זֵיי צוּ פַארְשֶׁעמֶען; אַ מְלַמֵּד וָואס פַארְשֶׁעמְט קִינְדֶער, אַ מְלַמֵּד וָואס שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער - דַארְף מֶען לֵייגְן אִין חֵרֶם. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (יְרוּשַׁלְמִי מוֹעֵד קָטָן ג, א) אַ מְלַמֵּד אִיז גֶעקוּמֶען פְרֶעגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי אַחָא "וָואס דַארְף אִיךְ טוּן, אַ דִינְסְט הָאט מִיר גֶעלֵייגְט אִין חֵרֶם, דַארְף אִיךְ טַאקֶע זַיין אִין חֵרֶם?" פְרֶעגְט אִים רֶבִּי אַחָא: "פַארְוָואס הָאט זִי דִיר גֶעלֵייגְט אִין חֵרֶם?" זָאגְט דֶער מְלַמֵּד: "וַוייל זִי הָאט גֶעזֶען וִוי אִיךְ שְׁלָאג אַ קִינְד מֶער וִויפִיל אִיךְ הָאבּ אִים גֶעדַארְפְט שְׁלָאגְן, הָאט זִי מִיר גֶעלֵייגְט אִין חֵרֶם", הָאט אִים רֶבִּי אַחָא גֶעזָאגְט: "צָרִיךְ אַתְּ חָשֵׁשׁ עַל נַפְשָׁךְ", יָא, דוּ בִּיסְט אִין חֵרֶם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט אַלֶע תַּלְמִידִים.

...

(עצתו אמונה פרשת מקץ תשפ"א)

צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876